**<u>די ניו יארק סטעיט קרימינאלע היסטאריע רעקארד</u>**

עקזעקיוטיווע געזעץ ארטיקל 35 שטעלט אוועק די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט (New York State Division of Criminal Justice Services, DCJS) אז די הויפט ארכיוון-פלאץ פאר קרימינאלע היסטאריע רעקארד אינפארמאציע.

DCJS געבט קרימינאלע היסטאריע באריכטן, אדער "רעפ בלעטער," אלץ אנטווארט צו סיי קרימינאלע און נישט-קרימינאלע נאכפראגעס. צוטריט צו קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע ווענדט זיך אויף די אוטאריטעט פון דער וואס פארלאנגט עס. יעדע באריכט ענטהאלט אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן ביים DCJS, אבער וויפיל אינפארמאציע עס ווערט ארויסגעגעבן, ווענדט זיך אין ווער עס מאכט די פארלאנג, די סיבה פארוואס די פארלאנג ווערט געמאכט און די סטאטוס פון די רעקארד וואס ווערט פארלאנגט.

צום ביישפיל, אונטער ניו יארק סטעיט רעגולאציעס (9 NYCRR §6050.1), מעג אן איינצלנע מענטש באקומען א קאפיע פון זיין אדער איר קרימינאלע היסטאריע רעקארד אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן ביים DCJS. דער מענטש קען באקומען אדער:

- א קאפיע פון זיין אדער איר גאנצע קרימינאלע היסטאריע באריכט וואס נעמט אריין אלע אינפארמאציע פארבינדן מיט דער מענטש;

- א קאפיע פון די רעקארד וואס פארמאגט נישט אינפארמאציע וואס איז פארזיגלט אדער באהאלטן געווארן צוליב דעם וואס, צום ביישפיל, די אויסקום פון די קרימינאלע קעיס(עס) איז געווען לטובת דער מענטש; אדער

- א "קיין רעקארד" אנטווארט צייגט אז עס איז נישט געווען קיין קרימינאלע היסטאריע געהאלטן ביים אגענטור.

די פאלגנדע ביישפיל פון א רעפ בלאט געבט ערקלערונגען און איינצלהייטן איבער די אינפארמאציע אריינגערעכנט.

א רעפ בלאט קען אריינרעכענען קרימינאלע (ארעסטן, געריכט אורטיילן, אדג.) און ציווילע (ארבעט, לייסענס אדער פערמיט) אינפארמאציע און קען פארמאגן די פאלגנדע אפטיילונגען:

- אכטונג - וויכטיגע אינפארמאציע
- אידענטיפיקאציע אינפארמאציע
- ניו יארק סטעיט קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע, אריינגערעכנט:
    - ארעסט/קלאגע אינפארמאציע
    - געריכט קעיס אינפארמאציע
    - טורמע אינפארמאציע
    - פאראול אינפארמאציע
    - אויספרואוו אינפארמאציע
    - סערטיפיקאט פון פארלייכטערונג
    - אנדערע אינפארמאציע
- אנדערע היסטאריע פארבינדענע אינפארמאציע
- ארבעט/לייסענס אינפארמאציע
- געזוכטע אינפארמאציע
- פעלנדע מענטש אינפארמאציע

## <u>אכטונג - וויכטיגע אינפארמאציע</u>

דעם אפטיילונג נעמט אריין שילדן וואס, ווען אנגעוועזנד, ווארענען דער דעהאלטער אויף געוויסע אינפארמאציע וואס איז אויפ'ן רעפ בלאט און צו די באגרעניצונגען אויף פארשפרייטן אזעלכע אינפארמאציע. די פאלגנדע איז א ביישפיל פון עטליכע אוועילעבל שילדן:

**Attention - Important Information**

* See **Additional Information** at the bottom of this response for more banners pertaining to the criminal history

**Required to provide a DNA sample for inclusion in the State DNA databank. Call DCJS Office of Forensic Services at (518) 457-1901 during business hours for more information.**
"DNA specimen collection guide"

**Currently under Sentence to NYS Department of Correctional Services. Call the Office of the Inspector General at (718)626-1710 during business hours of 7:00 AM to 7:00 PM Eastern Standard Time, Monday thru Friday. At any other time, please contact the Command Center, New York State Department of Correctional Services at (518)457-5902.**

**Violent Felony offense(s) on file**

**<u>אידענטיפיקאציע אינפארמאציע</u>**

דעם אפטיילונג געבט אן דער נאמען און אנדערע פערזענליכע אינפארמאציע אויף רעדע אינעם רעפ בלאט.

**Identification Information**



**Name:**

| | |
|---|---|
| SAM SAMPLE | CARL PUBLIC |
| JOHNNIE DOE | SAMMY SAMPLE |
| JOHNNIE DILLENGER | MICHAEL SAMPLE |
| JOE ANYBODY | SAMMY E HOSTNAME |

**Date of Birth:**
May 24, 1956 May 25, 1956 Jan 28, 1960
May 06, 1957 May 24, 1957

**Place of Birth:**
New York Massachusetts New Jersey

Cycle 9
Arrest Date July 06, 2006

**Address:**
BLACK ROCK RD, KING FERRY, NY
16 KARNER RD, COLONIE, NY
29 BRUEN COURT, ORCHARD PARK, NY
345 ROUTE 20, DUANESBURG, NY
44 BEAVER ST, NEW YORK, NY 10004
534 MAXWELL ST, DEWITT, NY
9 STUYVESANT PLZ, ALBANY, NY
BLACK ROCK RD, KINGS FERRY, NY

| **Sex:** | **Race:** | **Ethnicity:** | **SkinTone:** |
|---|---|---|---|
| Male/Unknown | White | Hispanic | Light |
| **Eye Color:** | **Hair Color:** | **Height:** | **Weight:** |
| Hazel | Blonde | 5' 07" | 160 |

**SSN:**
099-99-9992 099-99-9991 099-99-9994

| **NYSID#:** | **FBI#:** | **Probation Client ID#:** | **NCIC Classification:** |
|---|---|---|---|
| 05870633R | 9003300 | 1690020 | CIPO1217131611121314 |

**III status:** Criminal record in other states or in multiple FBI files for NYS

**US Citizen:**

**דאטום פון געבורט** קען אריינכעמען מערערע דאטומס.

**פלאץ פון געבורט** איז דער פלאץ וואו דער מענטש איז געבוירן געווארן.

**אדרעס** קען אויסרעכענען מערערע אדרעסן.

**געשלעכט, ראסע, עטניסיטי און פארב פון הויט** צייגט אינפארמאציע וואס ווערט דאס מערסטע באריכטעט. אבער, אויב מערערע געשלעכטן ווערן באריכטעט, וועלן אלע באריטעטע געשלעכטן ווערן געוויזן; אויב מערערע ראסעס, עטניסיטיס און קאלירן פון הויט ווערן באריכטעט אייניג, וועט מער ווי איינס ערשיינען.

**קאליר אויגן, קאליר האר, הויכקייט און וואג** צייגט אינפארמאציע דאס לעצטע באריכטעט.

**סאושעל סעקיוריטי נומער** (SSN) קען אויסרעכענען מער ווי איין נומער.

**ניו יארק סטעיט אידענטיפיקאציע נומער** (NYSID#) איז אן אייגנארטיגע נומער געגעבן דורך DCJS פאר א מענטש מיט קרימינאלע און/אדער ציווילע ניו יארק סטעיט היסטאריע. א מענטש קען האבן מער ווי איין NYSID נומער אויב אלע פריערדיגע היסטאריעס זענען פארזיגלט.

**FBI נומער** (פעדעראלע בוראו פון אויספארשונג נומער) איז די הויפט אידענטיפיקאציע און פייל נומער געגעבן דורך די FBI.

**אויספרואוו קליענט ID נומער** איז אן אידענטיפיקאציע נומער ארויפגעלייגט, אויב גילטיג, אויף א מענטש'ס אויספרואוו אויפזיכט היסטאריע.

**NCIC קלאסיפיקאציע נומער** איז די נאציאנאלע פארברעכן אינפארמאציע צענטער פינגער אפדרוק קלאסיפיקאציע נומער.

**III סטאטוס** (אינטערסטעיט אידענטיפיקאציע אינדעקס סטאטוס) צייגט אויב עס זענען פארהאן נאך אווילעבל אינפארמאציע אין אנדערע סטעיטס אויסער ניו יארק אדער נישט.

**אמעריקאנער בירגער** צייגט אויב דער מענטש איז אן אמעריקאנער בירגער אדער נישט.

**באמערקונג:** סיי וועלכע אינפארמאציע פארבינדן בלויז מיט פארזיגלטע רעקארדס וועלן נישט ארויסגעגעבן ווערן אויסער אויב דאס ארויסלאז פון די פארזיגלטע אינפארמאציע איז ערלויבט דורך די געזעץ. אבער, א מענטש איז בארעכטיגט צו באקומען א קאפיע פון זיין אדער איר אייגענע רעקארד וואס ענטהאלט פארזיגלטע אינפארמאציע.

**<u>ניו יארק סטעיט קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע</u>**

דעם אפטיילונג צייגט קרימינאלע געשעענישן אדער "רונדעס" געהאלטן אין DCJS רעקארדס. יעדע רונדע מיינט ווען א פינגער אפדרוק איז גענומען געווארן פון א מענטש.

<u>ארעסט/קלאגע אינפארמאציע</u>

ארעסט קלאגעס זענען באריכטעט דורך די ארעסטירנדע אגענטור און זענען געווענליך געשטיצט דורך אן ארעסט פינגער אפדרוק איבערגאנג. קלאגעס וועלכע ווערן באשולדיגט אדער ארויסגעווארפן דורכ'ן געריכט שטייען אונטער "געריכט קעיס אינפארמאציע."

**Arrest/Charge Information**
**Arrest Date: July 06, 2006 08:00 pm (20:00:00)**

| | |
|---|---|
| **Name:** | SAM SAMPLE |
| **Date of Birth:** | January 28, 1960 |
| **Sex:** | Male |
| **Ethnicity:** | Hispanic |
| **SSN:** | 099-99-9992 |
| **Age at time of crime/arrest:** | 46 |
| **Address:** | BLACK ROCK RD, KING FERRY, NY |
| **Fax Number** | 73154 |
| **Place of Arrest:** | New York County, NY |
| **Date of Crime:** | July 06, 2006 |
| **Place of Crime:** | New York County, NY |
| **Criminal Justice Tracking No.:** | 30622109J |
| **Arresting Agency:** | NYCPD PCT 030 |
| **Arresting Officer ID:** | 874981 |
| **Arrest Number:** | M06999923 |
| **Arrest Charges:** | |

-- Criminal Possession Of A Weapon- 2nd Degree
PL 265.03 Class C Felony Degree 2 NCIC 5212

-- Attempted Criminal Sexual Act-1st Degree: By Forcible Compulsion
PL 130.50 Sub 01 Class C Felony Degree 1 NCIC 1199

"קיין ארעסטן באריכטעט" וועט ערשיינען אין פלאץ פון די ארעסט אינפארמאציע ווען די ארעסטירנדע אגענטור האט נישט אריינגעגעבן די ארעסט.

אויב ספעציעלע אומשטענדן זענען פארבינדן מיט דעם ארעסט, וועט זיין נאך אינפארמאציע אונטער די רונדע נומער, און איידער די ארעסט דאטום, וועלכע קען אריינגעמען די פאלגנדע:

- **רונדע קען זיין נישט געשטיצט דורך פינגער אפדרוקן** - די ארעסט האט נישט פינגער אפדרוקן אויף פייל צו שטיצן די אינפארמאציע.
- געוואלטאט פארברעכן פארלעצונג - די רונדע ענטהאלט א קלאגע וועלכע איז קלאסיפיצירט אלס א געוואלטאט פארברעכן, ווי אפגעטייטשט אין ניו יארק סטעיט פענאל געזעץ ארטיקל 70.02. די קלאגע קען זיין אן ארעסט, באשולדיגונג, און דיספאזיציע אדער אנשטאלט אייטנריט קלאגע.

- **דאמעסטישע אינצידענט באריכט אריינגעגעבן** - עס איז געווען א דאמעסטישע אינצידענט באריכט אריינגעגעבן ביים צייט פונעם ארעסט. דאס איז <u>נישט</u> א באפעל פון באשיצונג.

- **יוגנטליכע פארלעצער** - די רונדע נעמט אריין א יוגנטליכע פארלעצער ( Youthful Offender, YO) אורטייל געפינען דורכ'ן געריכט.

- **קינד פארלעצער** - די קלאגעס ביים צייט פון ארעסט זענען גערעכנט אלס קינד פארלעצער (Juvenile Offender, JO) קלאגעס.

- **קינד פארברעכער** - די קלאגעס ביים צייט פון ארעסט זענען גערעכנט אלס קינד פארברעכער (Juvenile Delinquent, JD) קלאגעס.

<u>געריכט קעיס אינפארמאציע</u>

געריכט אינפארמאציע שטייט גלייך אונטער די ארעסט/קלאגע אינפארמאציע פאר די פארבינדענע ארעסט.

**געריכט** איז די נאמען פון די געריכט וואו די קעיס איז אויסגעהערט געווארן.

**קעיס נומער** איז גענוצט צו אידענטיפיצירן א דאקעט נומער אין לאקאלע געריכטן און אן באשולדיגונג נומער אדער העכערע געריכט אינפארמאציע נומער אין העכערע געריכטן.

-- **Court:** New York County Supreme Court **Case Number:** 2006-3452

**Initial Report Of Indictment Number** August 01, 2006

**Convicted Upon Plea Of Guilty** August 27, 2006
-- Attempted Criminal Sexual Act-1st Degree: By Forcible Compulsion
PL 130.50 Sub 01 Class C Felony NCIC 1199

**In Full Satisfaction of:**
-- Criminal Possession Of A Weapon- 2nd Degree
PL 265.03 Class C Felony NCIC 5212

**Sentenced to:** Term: 1 Year(s) to 3 Year(s) Sentence Date: August 27, 2006

די דיספאזיציע איז די שריט גענומען דורכ'ן געריכט און די דאטום פון די שריט. <u>רעפ בלאט דערהאלטער דארפן וויסן אז דיספאזיציע אינפארמאציע ווערט אלעמאל אפדעיטעד.</u> געריכטן באריכטן דיספאזיציעס עלעקטראניש צו DCJS. אויב א דיספאזיציע איז נישט באריכטעט געווארן צו DCJS, וועט "קיין דיספאזיציע באריכטעט" ארויפקומען אנשטאט די געריכט אינפארמאציע.

די קלאגעס אויסגערעכנט אויבן זענען באשולדיגונגען און דיספאזיציע קלאגעס. זיי זענען אנדערש ווי ארעסט קלאגעס וויבאלד זיי רעדן אויף קלאגעס וועלכע ווערן פראקורירט. קלאגעס וועלכע ווערן פארמאכט אלס רעזולטאט פון א פלי אפמאך קענען ווערן אויסגערעכנט דא, "אין פולע צושטימונג פון," און קלאגעס וועלכע ווערן פארמינערט פון נאך א קלאגע קענען ווערן אויסגערעכנט דא, "פארמינערט פון."

די אורטייל און דאטום פונעם אורטייל וועט שטיין ביים ענדע.

אויב אן ארעסט און דיספאזיציע איז א רעזולטאט לטובת די פארטיידיגטער, קען די רעפ בלאט אויסקוקן ווי פאלגנד:

**Court Case Information**

-- **Court:** Guilderland Town Court **Case Number:** 98001

**Arraigned** March 10, 1998
-- Criminal Tampering-2nd Degree
PL 145.15 Class A Misdemeanor NCIC 2999

**Dismissed** March 10, 1998
-- Criminal Tampering-2nd Degree
PL 145.15 Class A Misdemeanor NCIC 2999

**Sealed Upon Termination Of Criminal Action In Favor Of The Accused CPL160.50** November 16, 1998

גוטע רעזולטאטן ווערן פארזיגלט לויט ניו יארק סטעיט קרימינאלע פראצעדור געזעץ (Criminal Procedure Law, CPL) §§160.50, און 160.55, און פארזיגלט אויף תנאי לויט CPL 160.58. דאס שטייט ביים ענדע פונעם געריכט קעיס וואס איז פארזיגלט.

אין אלע קעיסעס, אויסער מארויאנא קלאגעס אפגעשטעלט אין פארשלאג פון אוועקמאכן לויט CPL 170.56, ווערט די פינגער אפדרוק וועלכע שטיצט די ארעסט פארטיליגט ווען א שריט איז "פארזיגלט אין ענדע פון א קרימינאלע שריט לטובת די באשולדיגטער CPL 160.50". אויב עס זענען דא מערערע געריכט קעיסעס פאר א רונדע, מוזן אלע קעיסעס רעזולטירן אין א זיגל כדי אז די גאנצע רונדע זאל ווערן פארזיגלט און די פינגער אפדרוק פארטיליגט.

די פארזיגלטע ארעסטן און דיספאזיציעס וואלטן נישט געווארן ארייגערעכנט אין די רעפ בלעטער, אויסער אויב ארויסלאז פון די אינפארמאציע איז אוטאריזירט דורך געזעץ אדער אויב א מענטש וועלט אויס צו באקומען א קאפיע פון זיין אדער איר אייגענע קרימינאלע היסטאריע רעקארד מיט די פארזיגלטע ארעסטן און דיספאזיציעס ארייגערעכנט.

טורמע אינפארמאציע

לאקאלע טורמעס און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פאררעכטונגען און קאמיוניטי אויפזיכט (Department of Corrections and Community Supervision, DOCCS), וועלכע פירט די סטעיט'ס טורמעס, באריכטן טורמע איינטריט צו DCJS ווען א פאראורטיילטער פערזאן ווערט ערשט אריינגענומען צו א פאסיליטעט. DOCCS באריכט אויך צו DCJS ווען די ארעסטאנט ווערט באפרייט פון די פאסיליטעט, און ווי פאסיג, אויב די ארעסטאנט איז צוריקגעברענגט געווארן צום פאסיליטעט צוליב א פאראול פארלעצונג.

**Incarceration/Supervision Information**

**Incarceration Admission Information**

| | |
|---|---|
| **Admission Date:** | September 01, 2006 |
| **Admission Reason:** | New Commitment |
| **Agency:** | NYSDOCS Elmira Reception Center |
| **State Inmate ID No.:** | 66B1300 |
| **Sentence to:** | Term: 1 Year(s) to 3 Year(s) |
| **Max Expiration Date:** | September 01, 2009 |
| **Conditional Release Date:** | September 02, 2007 |
| **Inmate Name:** | SAM SAMPLE |
| **Admission Charges:** | |

-- Attempted Criminal Sexual Act-1st Degree: By Forcible Compulsion
PL 130.50 Sub 01 Class C Felony Degree 1 NCIC 1199

**איינטריט דאטום** איז די דאטום ווען דער מענטש ווערט אריינגענומען צו א לאקאלע טורמע אדער סטעיט טורמע.

**איינטריט סיבה** איז די סיבה פאר ווערן אריינגעברענגט.

**אגענטור** איז די איינהייט וועלכע באריכט די ערשטע איינטריט אינפארמאציע. **באמערקונג:** DOCCS באריכט נישט ווען אן ארעסטאנט ווערט אריבערגעפירט פון איין טורמע צו א צווייטן.

**סטעיט ארעסטאנט ID נומער** איז די נומער פארשריבן דורך DOCCS אדער די לאקאלע פאסיליטעט. עס איז אפט מאל אנגערופן די "DIN" נומער.

**פאראורטיילט צו** מיינט די לענג פון טורמע צייט ווי באשטימט דורכ'ן געריכט ביים צייט פון געריכט אורטייל.

**מאקסימום אויסלויף דאטום** איז די לעצטע דאטום אויף וועלכע די ארעסטאנט וועט פארענדיגן די פולע טערמין פון זיין אדער איר אורטייל.

**אומשטענדליכע באפרייאונג דאטום** איז די ערשטע דאטום אויף וועלכע אן ארעסטאנט מוז ווערן באפרייט פון טורמע.

**באפרייאונג דאטום** איז די דאטום ווען דער מענטש איז באפרייט געווארן פון טורמע.

**באפרייאונג סיבה** איז די סיבה פאר ווערן באפרייט פון טורמע.

<u>פאראול אינפארמאציע</u>

DOCCS באריכט אינפארמאציע עלעקטראניש צו DCJS ביים פארשידענע שטאפלען פון די אויפזיכט פראצעדור, אריינגערעכנט ווען א מענטש ווערט באפרייט פון טורמע און געלייגט אויף פאראול; ווען דער מענטש ענדיגט זיין אדער איר פאראול טערמין און ווערט באפרייט; אדער ווען פאראול ווערט צוריקגענומען פאר א געוויסע סיבה (צוםביישפיל, פארלעצונג פון א צווייטער פארברעכן).

**באמערקונג:** א מענטש קען אויך ווערן פאראורטיילט דירעקט צו פאראול אויפזיכט דורך די געריכט אן דעם פון ווערן ערשט איינגעשפארט. די ארט פון באשרייבונג וועט ווערן אויגערעכנט אלס "Willard." אויב א דיספאזיציע איז אנוועזנד אין דעם פאל, וועט די אורטייל ליינען, "פאראול אויפזיכט אורטייל."

| Parole Release Information | |
|---|---|
| **Received by Parole on:** | February 15, 1987 |
| **Release Type:** | Initial Release to Parole |
| **Max Expiration Date:** | June 01, 1989 |
| **Supervision Office:** | Manhattan I |
| **Parole ID Number:** | 86B1300 |
| **Name:** | CARL PUBLIC |
| **Parole Discharge Information** | |
| **Discharged from Parole on:** | June 10, 1987 |
| **Discharge Type:** | Discharged - Statutory Action |
| **Parole ID Number:** | 86B1300 |

**באקומען דורך פאראול אויף** איז די דאטום ווען דער מענטש איז באפרייט געווארן פון טורמע און געלייגט אויף פאראול.

**באפרייאונג סארט** איז די סיבה פאר ווערן באפרייט צו פאראול.

**מאקסימום אויסלויף דאטום** איז די לעצטע דאטום אויף וועלכע דער מענטש וועט ענדיגן זיין/איר פאראול טערמין.

**אויפזיכט אפיס** איז די ארט צו וועלכע דער מענטש אויף פאראול ווערט באשטימט.

**פאראול ID נומער** איז די זעלבע נומער ווי די ארעסטאנט ID נומער.

**באפרייאונג פון פאראול אויף** איז די דאטום ווען דער מענטש ווערט באפרייט פון פאראול.

**באפרייאונג סארט** איז די סיבה פארוואס דער מענטש איז מער נישט אונטער פאראול אויפזיכט.

אויספראוו אינפארמאציע

די אינפארמאציע ווערט באריכטעט עלעקטראנישט דורך אויספראוו דעפארטמענטס ווי אויסגערעכנט אונטן:

| | |
|---|---|
| **Probation Information** | |
| **Name:** | JOHNNIE DILLENGER |
| **Address:** | 44 BEAVER ST, NEW YORK, NY 10004 |
| **Sex:** | Male |
| **Race:** | White |
| **Ethnicity:** | Not Hispanic |
| **Placed on Probation:** | July 02, 2006 |
| **Max Expiration Date:** | July 02, 2009 |
| **Supervision Agency:** | Broome County Probation |
| **Jurisdiction Agency** | Kings County Probation Adult Supervision- Reporting |
| **Probation Registration Number:** | 3057004 |
| **Probation Discharge Date:** | August 27, 2006 |
| **Discharge Type:** | Revoked - Technical Violation |

**געלייגט אויף אויספראוו** איז די דאטום ווען א מענטש ווערט געלייגט אויף אויספראוו.

**מאקסימום אויסלויף דאטום** איז די לעצטע דאטום אויף וועלכע דער מענטש וועט ענדיגן זיין אדער איר אויספראוו טערמין.

**אויפזיכט אגענטור** איז די קאונטי אויספראוו דעפארטמענט צו וועלכער דער מענטש דארף באריכטן.

**יוריסדיקציע אגענטור** איז די אויספראוו דעפארטמענט וועלכע האט לעגאלע פאראנטווארטליכקייט פאר דער מענטש אויף אויספראוו. אין געוויסע פעלער, קען א מענטש ווערן נאכגעקוקט דורך אן אנדערע קאונטי צוליב זיין אדער איר וואוינונג, אדער אנדערע סיבות, אבער יוריסדיקציע ווערט געהאלטן דורך די ריכטער אין די קאונטי וואו דער מענטש איז פאראורטיילט געווארן.

**אויספראוו באאמטער ID** אידענטיפיצירט דער באאמטער צו וועלכער דער מענטש דארף באריכטן.

**אויספראוו רעגיסטראציע נומער** איז די נומער גענוצט צו אידענטיפיצירן אן אויפזיכט קעיס. אויב א מענטש האט מערערע אויספראוו אורטיילן, וועט זיין א באזונדערע נומער פאר יעדע איינס.

**אויספראוו קעיס נומער** איז די נומער וועלכע אידענטיפיצירט דער מענטש וועלכע איז אריבערגעפירט געווארן צו ניו יארק אלס אן ארויס-פון-סטעיט אריבערגעפירטע קעיס.

**אויספראוו באפרייאונג דאטום** איז די דאטום ווען דער מענטש איז מער נישט אונטער אויספראוו אויפזיכט.

**באפרייאונג סארט** איז די סיבה פארוואס דער מענטש איז מער נישט אונטער אויספראוו אויפזיכט.

סערטיפיקאט פון פארלייכטערונג (פון ציווילע דיסאביליטיס)

א סערטיפיקאט פון פארלייכטערונג פון ציווילע דיסאביליטיס קען ווערן ארויסגעגעבן דורך די געריכט אדער דורך DOCCS צו א מענטש וועלכע איז באשולדיגט געווארן מיט סיי וויפיל קלענערע פארלעצונגען און ביז איין פעלאני פארברעכן (פארערכטיגונג געזעץ §§ 701-703).

די ציל פון די סערטיפיקאט פון פארלייכטערונג איז צו אראפנעמען פונעם מענטש פון סיי וועלכע אויפגעבונג אדער דיסאביליטי, אזוויי אראפנעמען א שטרויכלונג צו זיין אדער איר ארבעט וועלכע איז אויטאמאטיש ארויפגעלייגט געווארן אויף זיין אדער איר באשולדיגונג פון אן איינצלנע ארעסט, אויסער פאר די רעכט פון א מענטש צו אנהאלטן אדער צו זיין בארעכטיגט פאר פובליק אפיס.

די סערטיפיקאט פון פארלייכטערונג האלט נישט אפ קיין געריכטליכע, אדמיניסטראטיווע, לייסענסינג אדער אנדערע קערפערשאפט, באורד אדער אויטאריטעט פון געזעצליך זיך פארלאזן אויפ'ן באשולדיגונג געשילדערט אינעם סערטיפיקאט אלס דער באזיס פון אויסנוצן די געטרויבארע כח צו אפהאלטן, צוריקנעמען, אפזאגן צו ארויסגעבן אדער אפזאגן צו באנייען סיי וועלכע לייסענסעס, פערמיט, אדער אנדערע אויטאריטעט אדער ערלויבעניש.

געבן א סערטיפיקאט פון פארלייכטערונג נעמט נישט אראפ די אינערליכע באשולדיגונג פון די פארלעצער'ס קרימינאלע רעקארד און רעזולטירט נישט אין די קעיס ווערן פארזיגלט.

| Certificate of Relief | |
|---|---|
| **Agency:** | New York County Supreme Court |
| **Date:** | June 10, 1987 |
| **Permanency Date:** | December 10, 1990 |
| **Issue Type:** | A |
| **Relief Description:** | Relieves holder of all forfeitures, all disabilities and bars to employment, excluding right to retain or be eligible for public office; certificate issued at time of sentence. |

די סערטיפיקאט קען ווערן געטוישט אדער צוריקגעצויגן סיי ווען צווישן די דאטום ארויסגעגעבן און די **פערמענאנסי דאטום.** נאך די **פערמענאנסי דאטום**, קען די סערטיפיקאט מער נישט ווערן געטוישט אדער צוריקגעצויגן.

אנדערע אינפארמאציע

דעם אפטיילונג ענטהאלט ניו יארק סטעיט ארעסט, דיספאזיציע, איינשפארונג און אויפזיכט אינפארמאציע וועלכע איז רעקארדירט געווארן איידער פעברואר 1, 1972. די געשעענישן האבן נישט אזויפיל געשילדערטע אינפארמאציע אזוויי די געשעענישן אויסגערעכנט אין די "קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע" אפטיילונג פון די רעפ בלאט.

| Other Information | |
|---|---|
| **Date: December 30, 1971** | |
| **Arrest or Charge Data:** | NYPD TRANSIT- PL 165.15 OBTAIN TRANS W/O PAY |
| **Disposition or Correction Data:** | 12/30/71 FINE 15 OR 2 DAYS |

## **<u>אנדערע היסטאריע-פארבינדענע אינפארמאציע</u>**

דאס גייט ארויף אויף אינפארמאציע איבער דער מענטש פונעם רעפ בלאט וואס איז נישט פארבינדן מיט א ספעציפישע רונדע. אינפארמאציע אונטער דעם קעפל קען זיין פארבינדן צו, אבער נישט באגרעניצט צו, סערטיפיקאטן פון גוטע אויפפירונג.

א סערטיפיקאט פון גוטע אויפפירונג קען ווערן ארויסגעגעבן דורך DOCCS צו אראפנעמען פון א מענטש א דיסאביליטי אדער שטרויכלונג צו ארבעט (פארערכטיגונג געזעץ §§703-b-703, a). עס קען זיין באגרעניצט צו איין אדער מער אויסגערעכנטע דיסאביליטיס אדער שטרויגלונגען, אדער קען אראפנעמען פונעם מענטש אלע דיסאביליטיס אדער שטרויכלונגען. דער מענטש מוז האבן ארויסגעוויזן א מינימום צייט פון גוטע אויפפירונג אין די קאמיוניטי פון איין יאר פון א מיסדימינער פארברעכן, דריי יאר פון א קלאס C, D אדער E פעלאני פארברעכן, און פינף יאר פון א קלאס A אדער B פעלאני פארברעכן.

געבן א סערטיפיקאט פון גוטע אויפפירונג נעמט נישט אראפ די אינערליכע באשולדיגונג. עס פארמיידט נישט א צוקונפטיגע ארבעטסגעבער אדער לייסענסינג אגענטור פון געזעצליך באשליסן צו אפזאגן ארבעט, אדער צו אפזאגן א לייסענס. אבער, ארויסגעבן א סערטיפיקאט שאפט א בילד פון ערהוילונג אין פארבינדונג צום פארברעכן אדער פארלעצונגען וואס עס דעקט פאר לייסענס אדער ארבעט צוועקן.

**Other History Related Information**

**Good Conduct Information**

| | |
|---|---|
| **Name:** | SAM SAMPLE |
| **Agency:** | NYS Division of Parole- Albany Quality Control Unit |
| **Issue Date:** | October 15, 1987 |
| **Permanency Date:** | January 01, 2000 |
| | TO REMOVE ALL LEGAL BARS AND DISABILITIES TO EMPLOYMENT, LICENSE AND PRIVILEGE EXCEPT THOSE IMPOSED BY SECTIONS 265.01 (4) AND 400.00 OF THE PENAL LAW AND EXCEPT THE RIGHT TO HOLD PUBLIC OFFICE. |

די **דאטום פון ארויסגעבונג** איז די דאטום וואס דער סערטיפיקאט איז ארויסגעגעבן געווארן. די סערטיפיקאט קען ווערן געטוישט אדער צוריקגעצויגן סיי ווען צווישן די דאטום פון ארויסגעבונג און די **פערמענאנסי דאטום.** נאך די **פערמענאנסי דאטום**, קען די סערטיפיקאט מער נישט ווערן געטוישט אדער צוריקגעצויגן.

## **<u>ארבעט/לייסענס אינפארמאציע</u>**

דעם אפטיילונג פון די רעפ בלאט ענטהאלט אינפארמאציע איבער די מענטש פארבינדן צו ארבעט אדער לייסענס אפליקאציעס וועלכע פאדערן ער אדער זי זאל אונטערגיין א פינגער אפדרוק באזירטע קרימינאלע היסטאריע הונטערגרונד איבערקוק. די אינפארמאציע איז נישט פארבינדן מיט קרימינאלע אקטיוויטעט.

די ערשיינונג פון ארבעא אדער לייסענס איפארמאציע אויפ'ן רעפ בלאט מיינט נישט אז דער מענטש איז גענומען געווארן פאר די פאסטן אדער אז די לייסענס איז געגעבן געווארן.

אבער, אין פאל פון א לייסענס פאר געווער (פערמיט), וועט די רעפ בלאט אריינרעמען די דאטום וואס די געווער פערמיט איז געגעבן געווארן אויב די לאקאלע באאמטער האט געגעבן די אינפארמאציע צו DCJS.

### Job/License Information

**Civil Information**

| | |
|---|---|
| **Type of Application:** | Security Guard Registrant |
| **Comments:** | THREE BLIND MICE SECURITY COMPANY |
| **Name:** | CARL PUBLIC |
| **Address:** | 29 BRUEN COURT, ORCHARD PARK, NY |
| **Date of Birth:** | May 06, 1957 |
| **SSN:** | 099999991 |
| **Agency ID:** | 730101 |
| **Date of Application:** | February 29, 1988 |
| **Application Agency:** | NYS Department of State- Licensing Division |
| **Application Number:** | 730101 |

**<u>געזוכטע אינפארמאציע</u>**

אויב קרימינאלע היסטאריע ווערט געפונען, וועלן געזוכטע רעקארדס פארמאגנדיג די ניו יארק סטעיט אידענטיפיקאציע נומער (NYSID#) ווערן צוריקגעשיקט. אויב קיין אינפארמאציע ווערט נישט צוריקגעשיקט, וועט די רעפ בלאט האבן די פאלגנדע מעלדונג:

### Wanted Information

**There is no NYS Wanted Information associated with this history.**

<u>פעלנדע מענטש אינפארמאציע</u>

אויב קיין אינפארמאציע ווערט נישט צוריקגעשיקט, וועט די רעפ בלאט האבן די פאלגנדע מעלדונג:

### Missing Person Information

**There is no NYS Missing Person Information associated with this history.**